# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קפ"ג – חקת תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'


### תתתתקמ) עס דערציילט מיין טאטע
## הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א רב ביהמ"ד ישמח משה

אונזער זיידע הגה"ח רבי בנימין חיים פעלדמאן זצ"ל איז געווען א גאון אדיר ער האט געקענט בעל פה יעדן תוס' אין ש"ס בבלי בלי גוזמא. אויסער דעם איז ער געווען א גרויסער ערליכער איד און עובד השם.

עס האט מיר דערציילט הרה"ח הישיש ר' יושע ברי"א לעפקאוויטש הי"ו אז ווען דער זיידע איז געווען אמאל ביי זיי אין סאן-פאלאו בראזיל, איז דארט געווען איין באנד פונעם ש"ס זופניק (דאס איז א ש"ס אין צוויי בענדער, וואס יעדע עמוד האט אויף זיך פיר עמודים) און זיי האבן פארהערט דעם זיידן פון דעם באנד בע"פ מערערע מסכתות הש"ס, אז מ'האט אים פארגעזאגט א דיבור המתחיל פון תוספות, און ער האט באלד געזאגט די שקלא וטריא בעל פה.

ווען מיין טאטע הגה"צ מסיגעיט שליט"א איז א חתן געווארן, איז דער רבי מרן הדברי יואל זי"ע געקומען צום תנאים וואס איז געווען ביי אים אין שטוב אין בארא פארק, און ער האט געוואוינט אויפן דריטן שטאק, דער רבי האט געליטן אויף די פיס און עס איז איהם שווער געווען צו גיין אסאך טרעפ, ווען דער רבי איז אנגעקומען אויבן האט ער זיך אנגערופן במליצת לשונו: רב פעלדמאן איך האב נישט געוואוסט איר זענט אזא בעל מדריגה..." (מאיר אליעזר מייזליש)

### תתתתקמא) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש הי"ו משב"ק

איך האב געהערט פון הרה"ח ר' מאיר יודא פעלזען הי"ו פון מאנטריאל, אז אין די ערשטע יארן וואס אנ"ש זענען געווען אין מאנטריאל האט זיך געמאכט א חילוקי דיעות צווישן דעם ציבור, און עס זענען געווען טייל פונעם ציבור וואס איז אוועק געגאנגען דאווענען פון ביהמ"ד.

אין יענע צייט איז דער רבי מרן הדברי יואל זי"ע געקומען צוגאסט קיין מאנטריאל, און ער האט געהאט די אכסניא ביי איהם אין שטוב. איידער דער רבי איז אהיימגעפארן איז דער ציבור צוזאמען געקומען בבית האכסניא און דער רבי האט גערעדט און געשמועסט מיטן עולם.

בתוך הדברים האט דער רבי גערעדט מיט ווייטאג אויף דעם וואס טייל אנ"ש זענען אוועק געגאנגען דאווענען פון ביהמ"ד "אפילו עס איז דא פראבלעמען אין ביהמ"ד, אינדערהיים מאכט זיך דען נישט פראבלעמען פון צייט צו צייט?! קומט דאס דען אזוי אז עס מאכט זיך א סכסוך אין שטוב זאל מען איבערלאזן?! א בית המדרש איז נישט אנדערש אפילו עס איז דא פראבלעמען גייט מען נישט אוועק".

(געציל מענדלאוויטש, משה מענדלאוויטש, שמואל מענדלאוויטש, יצחק אייזיק וויינשטאק)

### תתתתקמב) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' פינחס גוטטמאן הי"ו

עס איז געווען אין די יארן ווען רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע איז שוין נישט געזונט געווען, און איך בין געגאנגען צום רבי'ן זיך געזעגענען מיט א קוויטל ארייגשרייבנדיג די נעמען פון מיינע דריי טעכטער וואס איך האב דעמאלטס געהאט.

צוליב דעם גרויסן ציבור וואס איז געקומען זיך געזעגענען איז מען געשטאנען איינער אונטערן צווייטן אין א רייע, און פאר מיר איז געשטאנען אין די רייע הרה"ג ר' מנשה ראזענבערגער ז"ל (יארצייט ביום כ"ז סיון, ד' חקת העעל"ט) וועלכער האט אויך געהאט אריינגעשריבן אין קוויטל די נעמען פון זיינע דריי טעכטער, און ער האט געמוטשעט דעם רבי'ן אז דער רבי זאל אים מבטיח זיין א בן זכר.

בתוך דבריו האט רבי מנשה געזאגט פארן רבי'ן אז כאטש די גמרא זאגט אין ברכות (דף ס"א ע"א) אז מ'זאל נישט בעטן אויף קיין בן זכר ווייל עס איז א תפילת שוא, און דאס וואס לאה האט מתפלל געווען ביי דינה בת יעקב איז געווען מעשה ניסים, אבער דער מהרש"א אין מס' תענית (דף כ' ע"א) זאגט ביי די מעשה פון נחום איש גמזו אז א צדיק גמור מעג זיך יא סומך זיין אויף מעשה ניסים, און דער רבי איז דאך א צדיק גמור, ממילא זאל אים דער רבי מבטיח זיין א בן זכר.

דער רבי האט אבער נישט געוואלט מבטיח זיין, און זייענדיג אפגעשוואכט האט ער זיך צובייזערט אויף דעם וואס ער האט אזוי געמוטשעט, אז די גבאים האבן אים געבעטן אז ער זאל נישט אזויפיל מפציר זיין.

נאכדעם האב איך אראפגעלייגט דעם קוויטל פארן רבי'ן, דער רבי ליינט די נעמען און ער זעהט אז איך האב אויך דריי טעכטער, ער קוקט מיך אן מיט זיינע הייליגע אויגן און רופט זיך אן מיט א שמייכל "ער מוטשעט נישט"... און ער האט ווארעם אנגעוואונטשן מברכותיו הטהורות. ארויסקומענדיג האב איך געזאגט אז איך האב אן הרגשה אז דער רבי האט מיר מבטיח געווען א בן זכר.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אזוי אז רבי מנשה ז"ל האט געהאט נאך א טאכטער. און צו מיר איז טאקע געבוירן געווארן א בן זכר למז"ט (הרה"ג ר' יונה שליט"א ר"מ בישיבה"ק). (שמעון גוטטמאן, אביעזר מרדכי גוטטמאן, בנימין יוסף גוטטמאן, ליפא גוטטמאן, אשר לעמיל גוטטמאן, ישראל ברוך הכהן כ"ץ, ברוך ארי' פויגעל, שמשון יואל פויגעל, בנימין יוסף מאיר טעללער, משה דוד טעללער)

### תתתתקמג) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' נח גפן הי"ו

מיין טאטע הרה"ח ר' יושע ע"ה איז נאך די מלחמה געפאנגען געווארן דורך די רוסן, און ער איז פארשיקט געווארן אויף פינף יאר אין סיביר, וואו ער האט מיטגעמאכט שווערע צרות ותלאות שונות.

אין יענע יארן האט ער נישט געהאט קיין שום ידיעה פון גארנישט וואס עס טוט זיך אויף די וועלט, ער פלעגט זיך אויסדרוקן "ווען דער רבי איז שוין לאנג געטאנצן די הקפות שמחת תורה אין אמעריקע, האב איך נישט געוואוסט אז איינער לעבט נאך"...

שפעטער ווען ער איז אנגעקומען קיין עסטרייך איז ער געוואויר געווארן אז דער רבי מרן הדבר"י זי"ע איז אין אמעריקע, האט ער נאר געוואלט פארן קיין אמעריקע, אנדערש ווי אלע אנדערע אידן וואס האבן געשטרעבט אנצוקומען קיין ארץ ישראל.

איז דארט געווען איינער וואס האט אים פרובירט צו צורעדן פון צו פארן קיין אמעריקע, האט ער אים געזאגט "איר ווייסט ווי גרויס אמעריקע איז? עס האט 50 שטעט, איינע פון די שטעט אין ניו יארק, דאס אליין איז א ריזיגע שטאט מיט אסאך קלענערע שטעט, אין איינע פון די געגענטער הייסט ברוקלין, אין אין דעם איז דא א געגענט וויליאמסבורג, מיט אסאך גאסן, אין יעדע גאס איז דא אסאך הייזער, אין יעדע הויז וואוינען מערערע מענטשן, און אין איינע פון די הייזער וואוינט דער סאטמארער רבי, לוינט זיך וועגן דעם צו גיין קיין אמעריקע?!".

"יא יא" האט מיין טאטע געענטפערט "טאקע דעם איינעם הויז זוך איך, איך וויל גיין קיין אמעריקע נאר צו דעם קליינעם הויז, און דארט וועל איך זיך ארייגשטופן צו קענען זיין נעבן מיין רבי'ן". (יואל יושע גפן, משה קטינא, משה גפן, אלטער ברוך גפן)

תתתתקמד) עס האט דערציילט אונזער עלטער באבע ע"ה אשת

## הרה"ח ר' מרדכי שעהר ע"ה

נאך די מלחמה איז זי באפרייט געווארן דורך די רוסן, אבער זיי האבן איר אוועקגעפירט קיין מאסקאווע אויף פיר חדשים. דאָרט האבן זיך אפגערופן די מלחמה-נאכווייען און זי איז שווער קראנק געווארן.

זי האט שוין געהאלטן זייער שמאל ל"ע, ביז זי האט איין נאכט איינגעדרימלט און זיך גע'חלומ'ט ווי זי זעט **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** שפאצירנדיג מיט א קבוצה חסידים, און צווישן זיי איז איר מאן דער זיידע ר' מרדכי ז"ל וועלכער איז מזכיר פארן רבי'ן און דער רבי וואונטשט זי זאל געזונט ווערן. זי האט אין חלום אויך געזען די רביצין ע"ה און זיך אָנגערופן אז זי וואלט זייער געוואלט מיטקומען מיט'ן רבי'ן אבער זי האט נישט קיין כח, און אויך די רביצין האט איר מזכיר געווען ביים רבי'ן זי"ע און דער רבי האט ווידער אנגעוואונטשן.

יענעם אינדערפרי ווען זי איז אויפגעשטאנען האט זי זיך באלד געשפירט מער בכח, און נאך א פאר טאג ווען זי איז געזונט געווארן כאחד האדם האט איר א שכנ'טע אין שפיטאל דערציילט אז יענע שווערע נאכט איז מען כסדר געקומען קוקן צי זי לעבט נאך אדער מען קען איר שוין אראפפירן צום צימער וואו מ'שטעלט די נישט-לעבעדיגע.

יארן שפעטער נאך די קריג ווען די באבע ע"ה איז אמאל געווען צוזאמען מיטן זיידן ז"ל ביים רבי'ן זי"ע, האבן זיי דערציילט די מעשה פאר'ן רבי'ן און דער רבי האט דאס מקבל געווען און גארנישט רעאגירט דערויף. (יחקאל שרגא שעהר, משה שעהר, יואל וויינבערגער, יואל הירש)

תתתתקמה) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

איך האב געהערט פון הרה"ח ר' דוד הויער הי"ו סגן ראה"ק דקהלתינו הק' אז ער איז געווען בקודש פנימה בביתו נאוה קודש פון כ"ק מרן **רבינו בעל דברי יואל זי"ע** אין די תקופה בשנת תשכ"ה לפ"ק ווען עס איז געווען חילוקי דיעות אינערהאלב די עדה החרדית וואס האט גורם געווען צו א מחלוקת. און דער רבי זי"ע האט זיך ארומגעדרייט אין שטוב זייער צוקאכט און געזאגט "וואס זאל איך טון, איך זאל ארויסגיין קעגן מיר אליין?!"...

דער רבי האט אין דעם ענין געהאט א צווייטע מיינונג ווי דאס בית דין, אבער דער רבי האט געהאלטן אז אויב ער וועט ארויסזאגן קלאר זיין מיינונג קעגן די מיינונג פונעם בי"ד מאכט ער חרוב די אייגענע מלחמה קעגן ציונית, ווייל למעשה איז דאס ביד"צ דער פעסטונג וואס שטייט בקשרי המלחמה קעגן די ציונים און אלע זייערע נאכשלעפער, און דער גרעסטער נצחון פאר די אלע וואס זענען קעגן דאס בי"ד וועט זיין אויב דער רבי זאל זיך אויך ארויסשטעלן קעגן בי"ד.

עס זענען געווען עטליכע רבנים ווי דער שאפראנער רב זצ"ל און קראסנער רב זצ"ל, וואס האבן געהאלטן ביי די מיינונג, און דער רבי האט זיי אפגעהאלטן פון משמיע זיין זייער מיינונג ברבים.

עס איז געווען א געוויסער מענטש וואס האט זיך יא ארויסגעשטעלט ברבים און ארויסגעגעבן א ספר קעגן דעם ביד"צ, און ער האט געשריבן נאך עוולות וואס דאס ביד"צ טוט נישט אויסגעהאלטן לפי דעתו. טראצדעם וואס ביז דעמאלטס האט דער רבי אסאך געשמועסט מיט אים, ווייל ער פלעגט לוחם זיין קעגן ציונית, אבער זייט ער איז ארויס קעגן דאס ביד"צ האט אים דער רבי מער נישט אריינגעלאזט אין שטוב. (עי' בספה"ק על הגאולה ועל התמורה סי' קי"ח וזל"ק "וכאשר רואים בעו"ה שגם בין הקנאים נמצאים העושים מעשים וענינים ודיבורים בלא חכמה ותבונה שזה מקלקל הרבה את כל הענין, ובעו"ה לא הגענו לידי תיקון המידות כראוי ובכל הענינים עלולים לגיאות ופניות שונות וכדומה, והשטן מתערב בכל מקום להשחית ולקלקל מלבד מה שבדרך כלל אבדה חכמת חכמיו ועלולים לכסילות מרובות כאשר הבאתי כמ"פ דברי החובת הלבבות בזה, ושפיר נרמז הך קרא דאין חכמה, שבאותו הזמן שצריכין להשתמש באותו הדרש אין חולקין כבוד לרב צריך לדעת ג"כ אשר אין חכמה ואין תבונה").

דעמאלטס איז געווען א אינגערמאן וואס האט געהאלטן אז דאס וואס מ'איז מרחק יענעם מחבר איז נישט דער רבי, נאר די ארומיגע שטוב מענטשן, איז ער געגאנגען ביים טיש און ער האט איבערגעגעבן זיין פלאץ פאר יענעם. מוצש"ק האט אים דער רבי געלאזט רופן און ער האט אים זייער שארף פארגעהאלטן דערויף, ווייל דער רבי האט געהאלטן אז די אינעווייניגסטע מהרסים זענען די ארגסטע, ווייל זיי צוברעכן דעם כח פון מלחמה קעגן די רשעים פון אינעווייניג. (שמעי' ברוך גאלד, יעקב זילבערשטיין)

תתתתקמו) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ח ר' פנחס ישעי' קארנבלי הי"ו

מיין זיידע הרה"ח ר' חיים קארנבלי ע"ה האט געוואוינט אין די שטאט סאטמאר, און ער האט געהאנדלט מיט וויין. ער פלעגט האלטן די וויין אין גלאזערנע קריגלעך וואס איז געווען ארומגענומען מיט שטרויענע געפלאכטענע שטעקלעך כדי אז ווען די אידן טראגן אהיים די וויין זאלן עס די גוים נישט זעהן.

דער סדר איז געווען אז דאנערשטאג און פרייטאג פלעגן די אידן קומען קויפן וויין. און פאר די עשירים וואס האבן באזונדער באצאלט פלעגן מיר אפטראגן די וויין אהיים. זיי פלעגן איבערגיסן די וויין אין די אייגענע קריגלעך, און מיר האבן דאס צוריק געטראגן פארן זיידן. (אזוי ווי איך בין ל"ע געווארן א יתום ביי די 11 יאר האב איך געוואוינט ביים זיידן אין שטוב).

איינמאל גייענדיג אפטראגן די וויין צו א עושר אין שטוב האט מיך אפגעשטעלט א דעדעקטיוו און ער האט געוואלט זעהן וואס איך טראג, האב איך אים געזאגט אז דאס איז וויין, האט ער געוואלט זעהן צי עס איז טאקע וויין, האב איך אים געזאגט אז איך קען אים דאס נישט לאזן זעהן צוליב רעליגיעזע סיבות, אבער איך קען אריינגיסן אביסל וויין אין זיין האנט און ער וועט זעהן אז עס איז וויין.

דער דעדעקטיוו האט מסכים געווען צו מיין עצה, איך האב אריינגעגאסן אביסל וויין אין זיין האנט, און ער האט דאס געלעקט, זעהנדיג אז עס איז טאקע וויין האט ער מיך געלאזט גיין.

אהיימקומענדיג האב איך דערציילט די מעשה פארן זיידן, און איך האב זיך אויפגעטון מיט מיין חכמה וואס איך האב מיט דעם געראטעוועט די וויין... האט דער זיידע מיך אויסגעלערנט די הלכה פון 'ניצוק חיבור', אז בשעת ווען די וויין האט זיך געגאסן פון דעם פלאש צום גוי'ס האנט איז פונקט ווי דער גוי האט אנגערירט די וויין, און דאס איז יין נסך. איך האב געמוזט גיין צום עושר און צוריק נעמען די וויין און געבן אנדערע וויין, און די וויין האט מען אויסגעגאסן. (חיים קארנבלי, יוסף קארנבלי, ישעי' הערשקאוויטש, אלי' הערשקאוויטש)

תתתתקמז) עס דערציילט אונזער באבע תחי' אשת

## הרה"ג ר' מאיר יודא קטינא שליט"א ר"מ בישיבה"ק

זי איז געווען פרייטאג צונאכטס אין מירון ביים ציון הק' פונעם תנא האלקי רשב"י. זוכנדיג א סידור וואו צו דאווענען קבלת שבת נוסח ספרד זעהט זי א קליין תהילימ'ל ליגן דארט, טראכט זי אז דאס תהלימ'ל איז זייער צוגעפאסט פאר איר און נאכן דאווענען וועט זי אין דעם מתפלל זיין.

ווען זי האט געוואלט אנהויבן צו זאגן תהילים, און זי עפענט דעם ערשטן עמוד בלייבט זי ערשטוינט זעהנדיג איר נאמען אויפגעשריבן דערויף... זי איז געווארן זייער נתרגש דערפון, ביז זי האט זיך דערמאנט אז מיט עטליכע יארן צוריק האט דאס דער זיידע שליט"א איבערגעלאזט ביים ציון הק', און יעצט איז דאס צוריק געקומען בהשגחה פרטיות אין אירע הענט.

זי האט אין דעם געזעהן א צייכן פון השגחה פרטיות און אז עס איז א עת הכושר, האט זי זיך אויסגעבעטן אלעס גוטס וכל טוב וטוב אינעם זכות פונעם תנא האלקי רשב"י זי"ע. (משה קטינא, יעקב קטינא, משה יוסף קטינא, יואל מארקאוויטש, אברהם שמעון הכהן גלאנץ, שמעון אקערמאן)

תתתתקמח) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ח ר' יחזקאל שרגא שניטצער הי"ו

עס איז געווען אין די תקופה פון די צווייטע וועלט מלחמה, ווען ער האט געדארפט חתונה האבן, און ער האט געדארפט אריבערפארן די גרעניץ. אבער אין יענע צייט איז שוין געווען די גזירה אז יעדער איד האט געדארפט גיין מיט א געלן שטערן אלס א סימן, און די רשעים האבן נישט געלאזט אריבערפארן די גרעניץ איינער וואס האט געהאט א געלן שטערן.

בחסדי ה' האט ער מצליח געווען אנצוקומען צום גרעניץ, און דארט האט ער פארדעקט דעם שטערן, די רשעים האבן דאס נישט באמערקט און אים אריבערגעלאזט, אזוי האט ער געקענט אנקומען צו די חתונה אין א גוטע שעה. (דוד מאיר שניטצער, יוסף פינחס שניטצער, ברוך אייגנער)